איך זאָל זיי פֿאַרענדיקן, די זעלביקע מעשים,
וואָס איך טו, זאָגן־עדות וועגן מיר, אַז דער פֿאָטער
37 האָט מיך געשיקט. און דער פֿאָטער, וואָס האָט
מיך געשיקט, האָט עדות־געזאָגט וועגן מיר.
נישט האָט איר, ווען עס איז, געהערט זיין קול,
38 נישט האָט איר זיין געזעען געשטאַלט. און זיין
וואָרט האָט איר נישט וואוינען אין אייך, ווייל איר
גלויבט נישט אין דעם דאָזיקן, וועמען ער האָט
39 געשיקט. איר פֿאָרשט (דאָך) אין די כתבֿי (הקודש),
ווייל איר מיינט, אַז אין זיי האָט איר אייביק לעבן;
40 און זיי זענען עס, וואָס זאָגן־עדות וועגן מיר. און
איר ווילט נישט קומען צו מיר, כדי איר זאָלט
41 האָבן לעבן. כבוד פֿון מענטשן נעם איך נישט אָן.
42 נאָר איך קען אייך, אַז איר האָט נישט די ליבע פֿון
43 ג־ט אין זיך. איך בין געקומען אין דעם נאָמען פֿון
מיין פֿאָטער, און איר נעמט מיך נישט אויף; ווען
אַן אַנדערער וועט קומען אין זיין אייגענעם נאָמען,
44 וועט איר אים יאָ אויפֿנעמען. וויאַזוי קענט איר
גלויבן, איר, וואָס נעמט אָן כבוד איינער פֿונם
אַנדערן, און דעם כבוד, וואָס קומט פֿון דעם
45 איינציקן ג־ט, זוכט איר נישט? מיינט נישט אַז
איך וועל אייך מקטרג זיין בײַ דעם פֿאָטער;
אייער מקטרג איז משה, אויף וועמען איר האָט
46 געהאָפֿט. ווייל וואָלט איר געגלויבט משהן,
וואָלט איר אויך מיר געגלויבט, וואָרום ער האָט
47 געשריבן וועגן מיר. אויב אָבער איר גלויבט נישט
זיינע שריפֿטן, וויאַזוי זשע וועט איר גלויבן מיינע
ריידן? (דברים יח, טו.)